# האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר

זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן,
הייליק און שטיל זאָל דאָרט זיין,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר,
אויב איך פיר דיך אַהינצו אריין,
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן.

כ׳וויל נישט פון פרעמדס ווערן רייך,
נישט אַלע שטאַרבן מיר גלייך,
וואָס טויג אין מיין ליד דיינע אויגן?
אַז צוויי ווערבעס שטייען ביים טייך,
לעבן זיי ביידע געבויגן,
נאָר יעדע פון זיי וויינט באַזונדער.

כ׳זוך נישט געלט און נישט רום, ווען איך זינג,
צו גאָט גייט מען איינער אַליין,
כ׳וויל נישט זיין דער גאָלדענער רינג
מיט מיין האַרץ ווי אַ טייערער שטיין
אויף עמעצס געשוואָלענעם פינגער.

זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן,
הייליק און שטיל זאָל דאָרט זיין,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר,
אויב איך פיר דיך אַהינצו אריין,
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פאַרשלאָסן.